


פרשת ויחי

יאר 2, גליון 54

### עלטסטע קלאס שטעטל - ברכה קורץ

איין טאג די וואך האב איך געהאלטן אינמיטן נייען, און איך האב געדארפט אריינלייגן די פאדעם אין די נאדל איך האב פרובירט עס צו אריינלייגן אבער ס'איז נישט אריינגעגאנגען. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אריינגיין און דער אייבערשטער האט געהאלפן!



### עלטסטע קלאס וויליאמסבורג - גיטי אפפעל

אפאר טעג די וואך האב איך זיך נישט גוט געפילט און איך האב נישט געקענט גיין אין סקול. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין גוט פילן און איך זאל שוין קענען גיין אין סקול ש'כח אייבערשטער איך פיל שוין גוט!



### פיפטע קלאס שטעטל - גאלדי בוים

איך האב א וועקער זייגער וואס איך ניץ יעדע צופרי. איין טאג האט זיך עס צובראכן. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין טאטע זאל עס קענען פאררעכטן און שכח אייבערשטער אז ער האט עס פארראכטן!



### דריטע קלאס וויליאמסבורג - פערעלע שווארץ

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט די אייבערשטער אז מיין מומע זאל שוין ווערן א כלה און ש'כח אייבערשטער אז די וואך איז זי ענדליך געווארן א כלה!



### ערשטע קלאס קרית יואל- ריקי שניטצלער

איין טאג האט איינער פון אונזער צווילינג געוויינט האב איך געבעטן די אייבערשטער אז די אנדערע בעיבי זאל נישט אנהויבן וויינען און שכח אייבערשטער ער האט נישט געוויינט!



### ערשטע קלאס וויליאמסבורג - שרי פריינד

אונז האבן א עברי chart פאר ווער ס'ברענגט צוריק די היימארבעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זיין די ערשטע וואס ענדיגט די טשארט און שכח אייבערשטער איך האב עס געענדיגט די ערשטע!



**ערשטע קלאס שטעטל - מלכי פורסט**

לעצטע וואך איז געווען מיין קאזינס חתונה, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו די חתונה און שכח אייבערשטער איך האב געקענט גיין!



**פרי 1 עי שטעטל - יוטי וועבערמאן**

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן שוין מאכן א סיום און שכח אייבערשטער די וואך האבן אונז געמאכט א עברי סיום!



# נייעס אין בית פיגא

**שטעטל:** פיפטע קלאס אין שטעטל איז אזוי פרייליך צו האבן א נייע מיידל אין זייער קלאס! די וואך האט זיך משפחת יאקאבאוויטש אריבערגעצויגן אין שטעטל און חי' שרי יאקאבאוויטש איז געקומען לערנען אין בית פיגא שטעטל סקול.

**וויליאמסבורג:** די וואך האבן די מיידלעך אין די עלטסטע קלאס אין בית פיגא וויליאמסבורג זיך אויסגעלערנט ווי אזוי צו מאכן א גרינצייג זופ. מען האט אריינגעברענגט אין קלאס אלע צוגעהערן וואס מען דארף צו קענען מאכן די זופ, און די מיידלעך צוזאמען מיט זייער לערערין האבן אפגעשיילט אלע גרינצייג, צושניטן, און אריינגעלייגט אין די טאפ אלעס וואס פעלט אויס אז עס זאל אויסקומען א געשמאקע זופ. פארשטייט זיך אז זיי האבן נישט פארגעסן צו אריינלייגן אסאך תפילות און זיי האבן געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל גוט געלונגען. מען האט עס געלייגט אויפן פלאם צו קאכן, ביז אפאר שעה איז עס געווארן גרייט און אלע מיידלעך האבן זיך מחי' געווען מיט די פיינע געשמאקע זופ. און אי"ה ווען די מיידלעך וועלן חתונה האבן, וועלן זיי וויסן ווי אזוי צו קענען קאכן א געשמאקע נאכטמאל פאר זייער משפחה.

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי

איך האב אזוי הנאה פון דיין לעכטיגע פנים, און דיין הערליכע דאווענען! נאר אנצוקוקן דיין פנים ווי דו הערסט זיך צו צו יעדעסווארט וואס אונז לערנען, פאר דיך אליינס האט זיך שוין געלוינט צו געבן די שיעור...

די קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס ס'מיינט פאר א מיידל ווען דו געבסט איר א קאמפלימענט, ספעציעל פון דיך, ווייל יעדער קוקט דיך ארויף פאר א קליגע, ערוואקסנע מיידל. קענסט טוישן א מיידל'ס גאנצע טאג! פרוביר צו צוגיין צו א מיידל וואס זיצט ביי די זייט און נעמט נישט א טייל אין די זאפטיגע שמועס, און געב איר אן אמת'ע קאמפלימענט און הייב אן א שמועס מיט איר.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דיין זכות אז דו גייסט צו די קליינע קינדער און די געבסט אוועק דיין גאנצע ריסעס. איך האף אז נאך סוכות וועט מען מאכן צוויי מיידלעך, איין וואך דו און די אנדערע וואך די אנדערע מיידל. אבער זאלסט וויסן אז די מיידלעך האבן זייער ליב טיטשער...! קענסט זיך אנגרייטן א מעשה זיי צו פארציילן, אדער א געים. ס'איז גוטע פרעקטיס ווייל איין טאג וויל איך דו זאלסט זיין א טיטשער! האלט ווייטער אן דיין ערליכע דאווענען און וואס דו דארפסט בעט דער אייבערשטער, ווייל דיינע תפילות זענען זייער זייער חשוב ביי אים!

מיט ליבשאפט,
שרה לעזער

# א מעשה פון א צדיק

**אין קורצן פון פריער:** א איד איז געקומען צו די מעזריטשער מגיד אז ער האט קשיות אויף די אייבערשטער. די רבי האט אים געזאגט אז ער זאל גיין צו א געוויסע פלאץ און זיך צוקוקן א גאנצן טאג וואס וועט געשען. ער האט געזען ווי א רייכע איד איז געקומען, און פארלוירן דארט זיין טאשקע מיט געלט. עס איז אנגעקומען נאך א איד און ער האט עס געטראפן און אוועקגעפארן. צום סוף איז אנגעקומען א ארעמע שלעפער און זיך אראפגעלייגט כאפן א דרימל, און דעמאלטס איז דער רייכער איד איז צוריקגעקומען זוכן זיין טאשקע.

**יעצט לייִנט ווייטער:**

דער ארעמאן האט זיך אויפגעריסן פון זיין שלאף, און מיט א פארוואונדערונג זיך ארומגעקוקט.

”דו גנב! דו גנב! געב מיר שוין אהער מיין טאשקע!”

”וועלכע טאשקע? פון וואס רעדסטו?” פרעגט ער פארשלאפענערהייט.

”מאכטס זיך נאריש?!” שרייט דער איד מיט כעס. ”געב מיך שוין צוריק מיין גאנצע געלט!”

”איך ווייס נישט פון וואס דו רעדטס.” זאגט דער ארימאן מיט א קוים הערבארע קול.

דער איד האט געזען אז ער ענטפערט אים נישט, האט ער באשלאסן צו פרובירן א שטרענגערע וועג.

ער האט אראפגעלאזט א קלינגעדיגע פראסק אויף די ארעמאנס מאגערע באקן.

”איייייייי!!!!!!!!!!!!!!!!!”

”שעם זיך!!! געב אהער!!!”

קולות פון ווי געשרייען און ציפעדיגע קלעפ האבן אפגעהילכט אינעם גאנצן ארום. די העפטיגע קריגעריי האט אנגעהאלטן פאר גאנץ לאנג.




געשריבן און געמאלן דורך: פייגי טייטלבוים

ביזדערווייל איז די נאכט צוגעפאלן. דער תלמיד האט זיך אויפגעשטעלט פון פלאץ, און מיט א פארכאפטע אטעם געלאפן צו זיין רבי'ן, דער מעזריטשער מגיד, ביז ענדליך האט זיך דעם רבי'ן הייזקע אנפלעקט פון דערווייטנס.

דער תלמיד האט זיך שנעל אריענטירט, זיך אויסגעגליכן, און איידלערהייט אנגעקלאפט אין טיר. דער גבאי האט געעפנט און אים געוויזן אז ער קען אריינגיין צום רבי'ן.

דער רבי'ס קלוגע אויגן האבן צו אים געווינקען אז ער זאל אנהייבן רעדן. ”רבי, מיינע קשיות זענען נאר געווארן שטערקער! קיין זאך איז מיר פארענטפערט געווארן!” רופט ער אויס מיט פארצווייפלונג.

”נעמט א טרינק, און איך וועל דיך אויסקלארן דעם בילד.” האט דער צדיק פארגעשלאגן.

דער צדיק האט אנגעהויבן פארציילן:

”אמאל, מיט אסאך יארן צוריק, איז פארגעקומען א מעשה וואס ליגט גוט אין די ביינער פאר ווער עס געדענקט עס. עס איז געווען ווען צוויי אידן האבן זיך צוקריגט, און זיי האבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן. האט מען זיי געראטן צו גיין צום בית דין, און ביים בית דין איז פארגעקומען א שרעקליכע זאך...

**פארזעצונג קומט אי"ה...**

# RECIPE PENNE ALLA VODKA

**Recipe**:

1 package penne noodles

8 oz cream cheese

8 oz marinara sauce

**Directions**:

Cook pasta. Drain.

Add cream cheese and sauce. Mix well. Enjoy!



**באמערקונג:**

אין די רעסעפי לעצטע וואך איז בטעות געווארן אויסגעלאזט

**1 cup flour**

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

איך האב ערהאלטן גוטע גריסן פון דיין טיטשער מרת ... תחי'.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו פירסט זיך אויף ערוואקסן און שכל'דיג; ביי דיר איז נישט קיין חילוק א אידיש טיטשער אדער אן ענגליש טיטשער, יעדע טיטשער אז ביי דיר אן ארויף געקוקטע זאך.

זאלסטו וויסן אז די מאכסט מיר נחת, און דו מאכסט א נחת רוח פאר מוהרא"ש זכרונו לברכה וואס האט מייסד געווען דעם סקול, ועל כולם מאכסטו א נחת אוח פאר דיינע טייערע עלטערן. און די אליינס וועסט בענעפיטירן דערפון, ווייל נאך אביסל קומסטו שוין אין די יארן פון התונה האבן, און דיין גוטע אויפפירונג וועסטו טרעפן אן ערליכער בחור מיט שיינע מידות ווי עס דארף צו זיין.

זיי שטאלץ מיט דיין דרך ארץ; מיר שטאלצירן מיט אזעלכע תלמידות ווי דיר, דו ביסט א ריכטיגע תלמידה פון "בית פיגא".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# מיר לערנען זיך פון עצתו אמונה

## הפצה! הפצה! הפצה!




עס איז געקומען פאליציי און גענומען ר' נתן ... אוי וויי, וואס וועט זיין?! פאליציי איז געקומען און גענומען ר' נתן אין תפיסה ווייל ר' נתן האט געדריקט די הייליגע רבי'ס ספרים אן רשות פון די רעגירונג און מען דארף האבן רשות צו מעגן דריקן ספרים.

אסאך מענטשן זענען געשטאנען אינדרויסן פון ר' נתן'ס הויז. א טייל פון זיי זענען געווען זייער פרייליך אז מען נעמט ר' נתן אין תפיסה ווייל זיי האבן נישט ליב געהאט ר' נתן, אבער די אנדערע מענטשן, די ברסלב'ע חסידים, זענען געווען זייער דערשראקן און צובראכן צוזענדיג די צרה. זיי האבן געפרעגט ר' נתן "ר' נתן, וואס וועט זיין?" האט ער זיי געענטפערט "איר דארפט מאכן הפצה!"

**איך לערן מיך ארויס צו מאכן הפצה. אויב מען פירט זיך אויף שיין, מען קריגט זיך נישט, מען פאלגט די מאמע און מען שפילט שיין מיט יעדעם איז עס א ריזיגע הפצה!**

געשריבן דורך: חילע וועבערמאן

# האט איר געלערנט דעם הייליגן קונטרס "עצתו אמונה" פון די פארגאנגענע וואך פרשת ויגש תשפ"ב?

**פון רעכטס צו לינקס:**

1. רבי חייא האט אהיים געברענגט פאר זיין ווייב א ____ ____
4. איין קאפיטל____טוט אויף מער פון אלעס
7. די טבע אליינס איז____
8. ווער עס האט אמונה, האט א גוט____
15. אן דעם אייבערשטן איז מען א שטיק?
21. די גאולה הענגט אויף א?
24. געוואוין זיך צו צו ליינען קריאת שמע מיט'ן נוסח פון____
26. פאר'ן גיין שלאפן, קושט מען די?
29. דער אריז"ל האט נישט געהאלטן פון דעם פיוט
30. שוין העכסט צו עפענען א בית המדרש היכל הקודש אין?
34. קענסט נישט מסביר זיין וואס____איז
35. אויף וואס האט מוהרא"ש זיך קיינמאל נישט גע'טענה'ט?
37. רעדן ניבול פה ברענגט שווערע____
38. אויף יעדע____דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן
40. אמונה באקומען מען ווי מער מען____דערפון
41. אדער א נסיון, אדער א____
42. דער קלוגער אינגל האט געוואלט האבן א פשוטע____ ____

**פון אויבן אראפ:**

2. חנוכה דארף דער טאטע זיין וואו?
3. ווער ס'איז מכבד די ווייב, ווערט?
5. זיין תפלה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן
6. האבן חובות איז די גרעסטע____

9. מוהרא"ש האט געזאגט די אני מאמין'ס גלייך נאך?
10. געבן צדקה און מכבד זיין די ווייב, איז א סגולה פאר?
11. וואס זאלן די כולל אינגעלייט נישט דארפן צאלן?
12. דער רבי האט נישט געלאזט לערנען____ספרים
13. די ראשי תיבות פון "שמע י' קולי אקרא"
14. זייער אכטונג געבן נישט צו קומען צו____שבת
16. ענדערש זיין____פאר זיך, ווי פאר יענעם
17. אין די יונגע יארן האט דער רבי געוואלט זיין?
18. די מיידל האט באקומען א קאמפלימענט אויף אירע?
19. פאר א יונגער בחור איז זייער וויכטיג 18 פרקים____
20. ביז ווען האט די עסיג געברענט?
22. ווען משיח וועט קומען וועט מען פסק'ענען ווי דער?
23. ווי אזוי ווערט מען פטור פונעם רוח שטות?
25. נישט אראפגיין פון בעט אן אפגיסן____ ____
27. דער יצר הרע לאקערט אויף פארפעלקער, זיי זאלן נישט האבן____ ____
28. זיין אליין איז זייער____
31. ווי אזוי האט געהייסן דעם רבינ'ס שווער?
32. דער רבי האט געזאגט "הכלב והגדי שקפצו____"
33. טרוקענע עסן צום ביישפיל____
36. א מענטש זינדיגט נישט נאר ווען ער ווערט____
39. וואס האט די טאכטער פון ר' חנינא בן דוסא געלייגט אנשטאט אויל?

## האט איר געלערנט דעם הייליגן קונטרס "עצתו אמונה" פון די פארגאנגענע וואך פרשת ויגש תשפ"ב?



# מזל טוב!

מזל טוב מרת שארף, מרת דעפריס, טיטשער אסתי, פערי, רבקי, פייגי און מלכי שארף צו זייער נייע בעיבי שוועסטער!



מזל טוב פייגא שרה און אסתר רייזל קורדוזו צו זייער נייע בעיבי שוועסטער!